מיט אַלע נויטיגע צרכים. זיין חשבון איז געווען מיט דעם מיליטער צו מאַרשירען קיין ארץ ישראל, וואס אין יענע צייטען איז ארץ ישראל געווען אין טערקישע הענט און ער האָט געוואָלט אַנגרייפען די טערקי־שע אַרמייען בכדי פון זיי אָוועקצונעמען ארץ ישראל.

כאָטש ער איז געווען גוט צוגעגרייט מיט אַלע מאַטעריעלע נויטווענדיגקייטען, — דאָך האָט ער געוואָלט הערען די מיינונג פון אַ גרויסען חכם וועגען זיין שווערער אונטערנעמונג, ווייל ער האָט גוט געוואוסט אַז אַ סך מענטשען פאַר איהם וואס זיינען אויך געווען גאַר גוט צוגעגרייט מיליטעריש האָבען געהאַט אַ פולשטענדיגען דורכפאַל ווען זיי האָבען געוואָלט צונעמען ארץ ישראל פון די טערקען.

נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת האָט ער באַשלאָסען צו פרעגען אַן עצה ביים גרויסען חכם רש״י, ווייל ער האָט געהערט אַז רש״י איז אַ גרויסער חכם און טרעפט אַ לעזונג אויף די שווערסטע פּראָבלעמען און זיינע ענטפערס זיינען דעצידירענד.

ער האָט באַלד אַריבערגעשיקט אַ דינער און געלאָזט צו זיך רופען רש״יין. רש״י האָט נישט געוואָלט צו איהם גיין אויף דער שליחות פון אַ מאַן וועמען ער האָט נישט געקענט. דאָס האָט דעם הער גאָטפריעד שטאַרק פאַרדראָסען און ער האָט באַשלאָסען נקמה צו נעמען אין רש״יין, דערפאַר וואס ער האָט געהאַט דעם מוט איהם נישט צו פאָלגען.

עטליכע טעג שפּעטער האָט ער מיט זיין גאַנצען מיליטער אַריינמאַרשירט קיין טראָי. דאָרט האָט ער זיך באַלד דערוואוסט וואו עס געפינט זיך רש״י׳ס בית המדרש, און ער איז גראַד אַהין צוגעפאָרען. אָבער ווי ערשטוינט איז ער געווען טרעפענדיג אַלע טירען און טויערען איינגאַנצען אָפען. אַריינגייענדיג אין בית המדרש האָט ער געזען אָפענע ספרים און געהערט אַ קול תורה ווי מען לערנט הויך, אָבער צו זיין איבעררא־שונג האָט ער דאָרט קיין נברא נישט געזען.

מיט גרויס פאַרוואונדערונג האָט ער אויסגערופען שלמה, שלמה, — אָבער ער האָט אויף זיין רוף בלויז געהערט: „וואָס פאַרלאַנגט דער הער״?

האָט גאָטפריעד ווייטער געפרעגט „וואו ביזטו״. האָט איהם רש״י געענטפערט „איך בין דאָך דאָ אין בית המדרש און רייד מיט דיר״. אַזוי האָט ער עטליכע מאָל אויסגע־פּרוּווט כדי זיך צו איבערצייגען אין דעם גרויסען וואונדער אַז אַ מענטש קען זיין אַ רואה ואינו נראה. אָבער רש״י האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזען צו איהם. ער האָט פאַרלאָזט דאָס בית המדרש אַ פאַרוואונדער־טער. ביים אַרויסגיין האָט ער געטראָפען רש״י׳ס תלמידים און ער האָט זיי געבעטען זיי זאָלען זאָגען זייער רבי׳ן אַז ער בעט איהם ער זאָל זיך צו איהם באַוויזען. ערשט דעמאָלט איז רש״י אַרויסגעגאַנגען פון בית המדרש און ער האָט חולק כבוד געווען פאַר דעם הער גאָטפריעד.

— — —

(המשך יבוא אי״ה)

# ברכת מזל טוב

הננו בזה לברך ברכת מז״ט חמה ולבבית
לידידינו האברך המופלג בתוי״ש בנש״ק

**מו״ה יעקב יוסף הלברשטאם נ״י**
**ולזוגתו תחי׳**
לרגלי הולדת בנם הילד
**חיים יהושע נ״י**

המערכת

מיר בעטען אייך, חשוב׳ע לייענער פון ירחון, אויב איהר מופט זאָלט איהר אונז באַלד פאַרשטענדיגען אייער נייעם אד־רעס, בכדי איהר זאָלט נישט פאַרפעהלען צו קריגען דעם ירחון.

**המערכת**